פּאַקל אין דעם האָלץ פון דעם שייטערהויפן) ברען, פייער, ברען! פאַרברען דעם טרייפן גוף, פאַרניכט די טרייפענע נשמה! (דאָס האָלץ צינדט זיך אָן). ברען, פייער, ברען און טרייב אים מיט דיינע ברענענדיקע בייטשן צו די טויערן פון גיהינום!

מ ל כ ו (מיט גרויסער קראַפט): איך וועל' נישט ברענען! (דער רוישני-דיקער עולם בלייבט שטיל און דערשראָקן) איך וועל נישט ברענען! איך טו תשובה...

ע ו ל ם: אַהההה!

מ ל כ ו (שטאַרקער און באַגייסטערטער): איך טו תשובה פאַר די יאָרן פון מיין קינדהייט און יוגנט, ווען איך בין געווען קריסט. דאָס איז שטענדיק געווען מיין איינציקער צער. בלאָזט פונאַנדער דאָס פייער, טראָגט אָן וואָס מער האָלץ. איך בין ייד און בלייב ייד. מיין נשמה וווינט אין הויז פון איר פאָטער, איר איז דאָרט אַזוי וווּל. קיין פייער וועט צו מיר נישט צוקומען...

נ אַ ר: הערט אים נישט! הערט אים נישט! מאַכט ליאַרעם! מאַכט מוזיק! (עס הויבט זיך אויף אַ גרויסער ליאַרעם. דער עולם זינגט, שרייט און טאַנצט אַרום דעם פייער, דער רויך האָט אַרומגענומען און פאַרשטעלט מלכו׳ן ווי אַ פאַר-האַנג, ווען די פלאַמען שטייגן אויף, שטעלט אָן דער נאַר זיינע אויערן און הערט זיך צו) איך גלויב, ער איז שטיל. די פלאַמען האָבן אים, דאַכט זיך, שוין דערוואָרגן (עס ווערט שטיל, אַלע נייגן אָן די אויערן).

ש ט י מ ע: מען הערט אים נישט.

ש ט י מ ע: מען זעט אים נישט.

ש ט י מ ע: אפשר איז ער טאַקע גאָר פאַרשוווּנדן (אַ שרעק גייט דורך דורכן עולם, מען צלמט זיך. אָבער דער רויך צעטיילט זיך און מלכו ווערט קענטיק).

נ אַ ר: דעם קייזערס נאַר האָט געזיגט! (צרעלט אויס אין גרויסן געלעכטער).

מ ל כ ו (דונערט אַרויס אין שפּאַ״ץ אין געבעט): ביייייין! (דער עולם בלייבט שטיל און דערשראָקן, נאָר דער נאַר לאַכט אַליין).



יצחק באַשעוויס.

# אַ זקן

(אַ כראָניק)

ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן איז חיים-שכר פון קראָכ-מאַלנע גאַס אין וואַרשע געווען אַ ייד אַ נגיד, געהאַט פאַר יעדער טאָכטער זיינער אַ מויזנטער נדן און גראָד געהאַלטן ביי נעמען אַ גרעסערע וווינונג, ס׳זאָל זיין אַן אָרט פאַר אַן איידעם אַ בן תורה. דערצו איז נישט לאַנג פאַרדעם געקומען צופאָרן פון דער פּראָווינץ דער טאַטע זיינער, ר׳ משה בער, אַ ייד נאָך די ניינציק, אַן אַלטער טריסקער חסיד. אין צוויי יאָר שפּעטער איז די דירה זיינע געווען כמעט אויסגעליידיקט. ביידע זין — יונגען גבורים — זענען אַוועק אויפן פראָנט און מ׳האָט נישט געוווּסט, ווו זייער געביין איז אַהינ-געקומען. דאָס ווייב מיט די דריי טעכטער זענען אויסגעשטאָרבן אויף סיפוס. חיים-שכר האָט אַלע פיר באַלייט אויפן בית-עולם, געזאָגט נאָך זיי קדיש און געדאַוונט פאַרן עמוד. אבלים זענען אים געוואָרן שונאים, געטענהט, אַז דער ייד האָט ליב דאָס „ברעטל״. חיים-שכר אַליין — אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, אַ הויכער, אַ ברייטער, אַן אַלטער סוחר פון געגנז אין באַזאַר — האָט, זינט די דייטשן זענען אַריין, געהאַלטן זיין קראָם פאַרמאַכט אויף ביידע שלעסער, ביסלעכווייז אויספאַרקויפט די חפצים פון שטוב, געקויפט דערפאַר צוגעפרוירענע קאַרטאָפל, גרינ-לעך-פאַרדומפן אַרבים-מעל, און אַליין געקאָכט גרויסע שוואַרצע זאַמ-דיקע קלוסקעס פאַר זיך און פאַרן טאַטן זיינעם, וואָס האָט איבער-געלעבט די אייניקלעך.

חיים-שכר האָט שוין חדשים לאַנג נישט געהאַלטן קיין עוף אין דער האַנט. פונדעסטוועגן איז זיין ברייטע שטייפע קאַפּאָטע, ווי פון לעדער. נאָך אַלץ געווען פאַרפעדערט, דער גרויסער הוט מיט דער ברייטער שיין-יידישער דענקע איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פעטס און אויף די שווערע טעמפּ-נעזיקע שטיוואַלעס זענען געווען סמנים פון

בלוט און שעפּט־הויז. אַ באָרד האָט ער געהאַט אַ געדיכטע, אַ געל־גרינלעכע ווי היי. פון הינטער זיינע צעשויבערטע ברעמען האָבן אַפּערגעקוקט צווי קליינע אויגן, דערשראָקענע פון הונגער, רויט־אַרומגעליאַמעוועט נאָך פון דער צייט, ווען ער פלעגט יעדן פרי־מאָרגן נאָכן דאַווענען איבערדרייען אַ גאַנץ פערציקסטל שנאַפּס און פאַרבייסן מיט געבראָטענע לעבערלעך און האַרטע אייער. איצט האָט דער ייד זיך אַרומגעדרייט גאַנצע טעג צווישן די האַלעס, געשמעקט צו יאַטקעס און גאָרקיכן, ווי אַ הונט, געדרימלט אויף טרעגערישע וועגעלעך. אין אָוונט פלעגט דער ייד הייצן די קיך מיט מיסט, וואָס ער האָט אַליין אָנגעקליבן אין אַ קייטל, האָט געפּאָרעט זיך, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל איבער די האָריקע הענט, געריבן אויף אַ ריבאייזן און געבריט די פינגער. דער טאַטע, ר׳ משה־בער, פלעגט דאַמאָלס זיצן ביים אָפענעם קיך־טירל, וואַרעמען זיך כאָטש ס׳איז געווען אינמיטן זומער, אַריינקוקן אין אַ משניות און כּסדר רעדן וועגן זיין חולשת־הלב און וועגן דעם, אַז די כּוחות גייען אים אויס.

— כ׳על דען אויסהאַלטן? — האָט דער זקן געטענהט מיט געבייזער, גלייך דער זון וואָלט אין אַלעמען שולדיק געווען. — אַז ס׳הערט נישט אויף צו נאָגן אָט דאָ ביים גריבל...

דער אַלטער האָט אָנגעוויזן אונטערן לעפּעלע, אַריינגעדזשאַמדזשעט אין אַ משניות „טהרות" און כּסדר אויסגעלאָזט, ווי אַ פּזמון, מיטן וואָרט: טמא... די אויגן זיינע זענען געווען בלוילעך־מוטנע, ווי ביי אַ בלינדן; פונדעסטוועגן האָט ער קיין ברילן נישט געדאַרפט. געהאַט עטלעכע אויבערשטע און אונטערשטע ציין, געלע און קרומע, ווי פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, און פלעגט אויפשטיין אויף דער אייגענער זייט, אויף וועלכער ער האָט זיך געלייגט. דער איינציקער פעלער זיינער איז געווען דער „שבר", וואָס האָט אים דערקוטשעט אין גיין. דער אַלטער פלעגט פונדעסטוועגן מיט זיין „פּעדל" — דעם שפּיציקן שטעקן — אַרומשפּאַנען פּאַמעלעך איבער די וואַרשעווער גאַסן, קומען אין אַלע בתי־מדרשים, דערציילן מעשיות וועגן מלחמות, פאַרצייטישע גוטע יידן, פון וועלכע מ׳שרייבט אין די ספרימלעך, וועגן רוחות רעות און אַמאָליקן זול, ווען יידן האָבן געטרוקנט שעפּסן אין די קעלערס און געטרונקען אָקאָוויט פון אַ פעסל אַרויס דורך אַ שטרוי... מ׳האָט אים מכבד געווען מיט רויע מייערלעך, שטיקלעך בריקעוו און ריבל. ר׳ משה־בער האָט צעקייט איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט, אויסגעקליבן מיט אַ ציטערנדיקער האַנט יעדע קרישקע פון זיין נישט־ווייס־געוואָרענער האַלב־אויסגעקראָכענער באָרד און גע־



רעדט וועגן אונגערן, ווי ער האָט צום ערשטן מאָל געגעסן קעסט ביים שווער מיט עטלעכע און זיבעציק יאָר צוריק.

... פּאַלד נאָכן דאַווענען האָט מען דערלאַנגט אַ גרויסע קוואָרט וויין און אַ זייטל קעלבערנס... יאָ, בהממ... אויף צובייסן... אומגעוואַשן... געמאַכט האָט מען — אַן על המחיה...

אָפּגעשליסענע יידן, מיט שטריק אויף די לענדן און מיט אויסגעהוילטע געלע באַקן, זענען געשטאַנען אַרום אים אָנגעבויגענע, געשלונגען דאָס שפּייעכץ און געקוקט אים אין מויל אַריין מיט זשעדנע־אַרויסגעזעצטע ווייס־אַפּלען, ווי דער אַלטער זאָל דאָס טאַקע איצט זיצן און עסן... הסידישע בחורים מיט לאַנג־געוואָרענע פּנימער פון תעניתים און מיט פיילט־צעבלישטשעטע לויפנדיקע אויגן, ווי ביי משוגעים, האָבן גיך און מיט עקשנות געדרייט די לאַנגע פאות איבער די פינגער, געקרימט זיך, ווי פון אַ באַהאַלטענער בויערנדיקער ווייטאָק, און יאושדיק געטענהט:

— אַמאָל איז געווען אַ וועלט, אַ?... סיי עולם הזה און סיי עולם הבא... היינט איז גאָרנישט!...

דער אַלטער ר׳ משה־בער האָט אַזוי לאַנג אַרומגעטשאַפּעט און געזוכט וואָס עפּעס טועם צו זיין, ביז ער איז איינמאָל אין אָוונט אַהיימגעקומען און געטראָפן זיין בכור, חיים־שכרן, ליגן אַ קראַנקער אויפן בעט, אַ באָרוועסער און אָן דער קאַפּאָטע. ס׳איז געווען סוף זומער. חיים־שכרס פּנים איז געווען שטאַרק רויט, ווי נאָכן מרחץ, און די באָרד זיינע האָט אויסגעזען ווי איינגעשרומפּן אין איין קנויל. די קיך איז געווען קאַלט. אין קליינעם לעמפּל האָט געגליט די קנויט. אַ שכנטע איז אַריינגעקומען, אָנגעטאַפּט זיין שטערן און אַ זינג געטון:

— וויי איז צו מיר, ס׳איז יענע מעשה!... מ׳וועט דאַרפן אים נעמען אין שפּיטאָל אַריין...

צומאָרגנס איז אין הויף אַריין ווידער אַמאָל געקומען צופאָרן דאָס שוואַרצע קעטשל. חיים־שכרן האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, די שטוב האָט מען אויסגעשפּריצט מיט קאַרבאָל און דעם אַלטן גענומען אין דעזינפעקציע־הויז, ווו מ׳האָט אים אָנגעטון אַ לאַנגן ווייסן כאַלאַט און שיך מיט הילצערנע זוילן. די וועכטער האָבן אים שוין געקאָנט, אונטערגערוקט אים טאָפּלטע פּאָרציעס ברויט און מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן. אַרויס פון דאָרטן איז דער זקן ערשט נאָך סוכּות, מיט אַ פּאַטשיילע אַרום דער אָפּגעשוירענער באָרד. חיים־שכר חאָט שוין פון לאַנג נישט געלעבט און דער זקן האָט געזאָגט נאָך אים קדיש. איצט

איז ר׳ משה-בער געבליבן איינער אַליין אין דער דירה. ער האָט אַליין געמוזט צונויפנעמען פּאַפּירן און שפּענער ביים מיסטקאַסטן, כּדי ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו ברענען, געבראָטן אין אַש פּאַרפוילטע קאַרטאָפל, וועלכע ער פלעגט ברענגען אין זיין פּאַטשיילע, און געקאָכט זיך צעקאָריע אין אַן אייזערנעם טאָפּ. דער אַלטער האָט געפירט דאָס בעל-הבתישקייט, האָט צונויפגענומען שטיקלעך וואַקס און חלב און אויפגעצויגן אויף קנייטלעך, פלעגט אַליין וואַשן זיין העמד אונטערן קראַן און עס הענגען טריקענען אויף אַ שטריקל. יעדע נאַכט האָט ער אָנגעשטעלט דאָס שטייגל אויף מייזלעך און ער האָט זיי אינדערפרי געטראָגן. ביים אַוועקגיין האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן אויפצוהענגען דעם שווערן אייזערנעם שלאָס. קיין דירה-געלד האָט מען דאַמאָלס אין וואַרשע נישט געצאָלט. דערצו האָט ער אָנגעטון דעם זונס שטיוול און הויזן. אַלטע לייט אין די שטיבלעך האָבן אים מקנא געווען.

— משה-בער לעבט ווי אַ קייסער! — האָט מען געשמועסט. — אַז די גאַנצע ירושה איז זיינע...

שלעכט איז געוואָרן ערשט ווינטער. קיין קוילן זענען נישט געווען. דערצו האָבן אין אויוון געפעלט קאַפליעס, און וויפל מאָל דער אַלטער האָט געפּרווט איינהייצן, איז די שטוב פול געוואָרן מיט אַ געדיכטן שוואַרצן רויך. כּסליו-צו זענען די פענסטער שוין געווען בלוי באַוואַקסן מיט אייז און שניי און ס׳איז דאָ שטענדיק געשטאַנען אַ פאַרנאַכטישע טונקלקייט. דאָס נעגל-וואַסער פלעגט פאַרפרוירן ווערן אין טעפל. וויפל דער זקן האָט ביינאַכט נישט אָנגעלייגט אויף זיך מלבושים, האָט ער זיך נישט געקאָנט דערוואַרעמען. די פיס פלעגן בלייבן שטייף און אָפּגענומען פון קעלט, און גלייך ווי ער האָט גענומען איינשלאָפן, איז די גאַנצע קופּע אַראָפּגעפאַלן און ער האָט געמוזט נאַקיטערהייט אַראָפּקריכן און בעטן זיך אויכסניי. קיין נאַפּט איז נישט געווען, אַפילו אַ שוועבעלע האָט אויסגעפעלט. דער אַלטער האָט נישט געקאָנט צוטון קיין אויג, געמורמלט אויסנווייניק גאַנצע מאמרים תּהלים. איבער די שטיבן איז אומגעלאָפן אַ ווינט, געקלאַפּט מיט די טירן. אַפילו די עכברים זענען אַוועק. וויפל מאָל ער האָט אויפגעהאָנגען אַ העמד צום טריקענען, איז עס געוואָרן האַרט און געבראָכן זיך ווי גלאָז. דער זקן איז געוואָרן פאַראומרייניקט און דאָס פּנים איז געוואָרן ערדיק-שוואַרץ. אַ גאַנצן טאָג איז ער געזעסן אין בית-המדרש ביים אייזערנעם רויט-אָנגעגליטן אויוון. די אַלטע ספרים אויף די פּאָליצעס זענען געלעגן ווי בערגער שמאַטעס. אַרום די טישן — באַשלאָגענע מיט בלעך — האָבן זיך געריניקט



אַרחי-פּרחי, פאַרשוינען מיט לאַנגע קאַלטאַנעס אויף די קעפּ און מיט שמאַטעס אַרום די געשוואָלענע פיס; מטורפים, האַלב-נאַקיטע, אָדער באַהאָנגענע מיט אַלטע צעפליקטע מלבושים און מיט טאָרבעס. אַ גאַנצן טאָג האָבן יתומים געהאַלטן אין איין קדיש-זאָגן און כאַפּטעס ווייבער האָבן נישט אויפגעהערט איינרייסן ביים ארון-קודש פאַר קראַנקע, אַזש די אויערן זענען ווי פול געוואָרן מיט וואַסער פון די יללות און געשרייען. אין דער טוכלער טונקלקייט האבן געברענט נשמה-ליכט און ס׳האָט געשמעקט מיט טהרה-שטיבל. וויפל מאָל ר׳משה-בער פלעגט איינדרימלען, מיט אַ נאָכהענגנדיקן קאָפּ, האָט ער זיך אָפּגעבריט ביי דער קאָכעדיקער בלעך. צו אַלע צרות האָט דער אַלטער ביינאַכט מורא געהאַט אַהיימצוגיין, ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן, ווייל די זוילן זיינע זענען באַשלאָגן געווען מיט פאָדקאָוועס און נעגל, און מ׳האָט אים געמוזט אונטערפירן. אין הויף האָט מען אים שוין אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— עט, ר׳איז שוין נעבעך אינגאַנצן אויס מענטש... ס׳קריכט שוין פון אים...

איינמאָל אין חודש שבט, ווען מ׳האָט דעם אַלטן ביינאַכט אַהיימגעפירט, האָט ער זיך סוף-כּל-סוף אויסגעגליטשט און זיך אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון אין דער רעכטער האַנט. דער יונג, וואָס איז מיט אים מיטגעגאַנגען, האָט אים אַ כאַפּ געטון אויף די פּלייצעס און אַהיימגעטראָגן. דאָרטן האָט ער אים אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין, ווי ר׳איז געגאַנגען און געשטאַנען. דערנאָך איז ער אַנטלאָפן, ווי נאָך אַ גנבה. — צוויי מעת-לעת האָט דער זקן אָפּגעקרעכצט. ער האָט גערופן און געוויינט, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוויזן. דער אַלטער האָט עטלעכע מאָל אין טאָג געזאָגט ווידוי, געבעטן דער טויט זאָל וואָס גיכער קומען און מיט דער לינקער פויסט געקלאַפּט על-חטא. ביי טאָג איז אינדרויסן שטיל געווען, גלייך די מענטשן וואָלטן אַלע אויסגעשטאָרבן, און די שיין איז געווען אַ גרינלעכע און בין-השמשותדיק ספקדיקע. ביינאַכט האָט זיך געהערט אַ קראַצן, ווי אַ קאַץ וואָלט זיך געדראַפּעט אויף די ווענט און ס׳האָט זיך אַלעמאָל איבערגעחזרט אַ הוילער ברום, ווי ער וואָלט געקומען ערגעץ פון אונטער דער ערד. אין חשכות האָט זיך דעם זקן אויסגעדוכט, אַז דאָס בעט שטייט אינמיטן שטוב און אַז אַלע פענסטער זענען צעעפנט... דעם צווייטן פאַרנאַכט האָט זיך דעם זקן אויסגעוויזן, אַז די טיר האָט זיך מיט איינמאָל אויפגעמאַכט און ס׳איז אַריינגעקומען אַ פערדל מיט אַ שוואַרץ ליילעך אויפן רוקן. דער לאַנגער קאָפּ זיינער,

ווי ביי אַן אייזל, איז געווען פול מיט אויגן און דער אַלטער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער מלאך-המות. פון פחד איז ער אַראָפּגעפאַלן פון בעט. דעם קלאַפּ האָט מען דערהערט אַזש ביי צוויי שכנים מיט איין מאָל. אין הויף איז געוואָרן אַ גערעדעריי און אַ קאָכעניש, מענטשן זענען זיך אָנגעלאָפן. צו דעם פאַרחלשטן זקן האָט מען אַרויסגערופן דעם וואָגן פון דער גיכער הילף. דער אַלטער איז געלעגן אין פינסטערן קאַסטן פאַרבאַנדאַזשירט און איינגעדעקט, זיכער געווען, אַז ס'איז איצט זיין לוויה און אַז ער איז פאַררוקט אין דער עגלה, געזאָרגט וועגן דעם הלמאי ס'איז נישט געבליבן נאָך אים קיין קדיש און אַז ער וועט ליידן פון חיבוט-הקבר. דער זקן האָט מיט איינמאָל דערמאָנט זיך דעם פסוק, וועלכן ער וועט דאַרפן ענטפערן דעם מלאך דומה, און דאָס צעקלאַפּטע געשוואָלענע פנים זיינס האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ פינסטערן בר-מינגשן שמייכל.

מי איש יחיה ולא יראה מוות
ימלט נפשו מיד שאול סלה...

## II

נאָך פסח איז ר' משה-בער צוריק אַרויס אַ געזונטער פון שפיטאָל. דער אַפּעטיט איז ווידער ביי אים געווען אַ גרויסער, נאָר צו עסן איז נישט געווען וואָס. די זאַכן אין שטוב האָט מען אַלע צעגנבעט און געבליבן זענען בלויז די הוילע אָפּגעריסענע ווענט. אַפילו דאָס מעבל האָט מען איינציקווייז צעשלעפּט. ר' משה-בער האָט זיך דערמאָנט אין קליין-יוזעפאָוו, דאָס שטעטל נעבן גאַליציען, ווו ער האָט אָפּגעוווינט פופציק יאָר צייט און איז געווען אַ גרויסער חשוב אין טריסקער שטיבל, ווייל ר'האָט נאָך געקאָנט דעם טשערנאָבעלער. דער אַלטער האָט ביסלעכווייז גענומען אויספרעגן זיך וועגן פאָרן אַהין, אָבער מענטשן האָבן בלויז געהויבן די אַקסלען און יעדער איינער האָט געענטפערט אַנדערש. טייל האָבן געזאָגט, אַז קליין-יוזעפאָוו איז אינגאַנצן אָפּגעברענט און אָפּגעווישט געוואָרן. אַ מדינה-גייער פון יענע קאַנטן, ווידער, האָט דערציילט, אַז אין קליין-יוזעפאָוו איז דאָ פרנסה בריווח און אַז מ'עסט דאָרט ווייסע חלה אינדערוואָכן. אַזוי צי אַזוי — איז קליין-יוזעפאָוו געווען אויף יענער זייט גרענעץ, ביי די עסטרייכער. וויפל מאָל ר' משה-בער האָט געפּרוווט רעדן וועגן



זיין נסיעה, האָבן יידן חוזקדיק געשמייכלט אין די בערד און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— מאַכט אייך נישט נאַריש, ר' משה-בער — האָט מען געטענהט צו אים — אַ יונגערמאַן וועט דאָס אויך נישט באַוויזן...

אָבער ר' משה-בער איז געווען הונגעריק. פון די אַלע ריבלעך, מייערלעך און פון די וואַסערדיקע זופּן, וועלכע ער האָט געקריגן אין אומזיסטע קיכן, פלעגט איבערבלייבן אַ הוילקייט אין די גדערים. ביינאַכט פלעגן זיך דעם ייד כסדר חלומען יוזעפאָווער קניזשעס אָנגעפּילט מיט צעהאַקט פלייש און ציבעלע, שמעקעדיקע גריישלעך און קעלבערנע פיסלעך, שמאַלץ און דאַרע גריוון. תיכף ווי ער פלעגט צומאַכן די אויגן, איז ער געווען ערגעץ אויף אַ חתונה צי אַ ברית. אויף אַ לאַנגן געדעקטן טיש זענען געלעגן גרויסע בולקעס, ברוינע און אויסגעבאַקענע. טריסקער חסידים, אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס און אין הויכע סאַמעטענע היטן אויף די באַיאַרמולקטע קעפּ, האָבן געטאַנצט מיט גלעזער בראָנפן אין די הענט און געזונגען:

וואָס-זשע קאָכט אַן אָרעמאַן?
באָרשט מיט קאַרטאָפל!
לעבעדיק! לעבעדיק!...

אויף די אַלע שמחות איז ער, ר' משה-בער, געווען דער מחותן. ער האָט זיך אַרומגעריסן מיטן סאַרווער, געבייזערט זיך אויף די כלי-זמר, אומעטום געמוזט אַכטונג טון און נישט קיין צייט געהאַט צו נעמען אין מויל אַריין, אָפּגעלייגט אויף שפּעטער... אויפכאַפּן זיך אינדערפרי פלעגט דער אַלטער אַלעמאָל מיט אַ וואַסער אין מויל און מיט חרטה הלמאי ער האָט באַדיי אין חלום נישט פאַרזוכט פון די אַלע מעדנים... דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט און דאָס גאַנצע לייב איז באַדעקט געווען מיט אַ קילן שווייס. אינדרויסן זענען געשטאַנען טעג איינער העלער פונם אַנדערן. אויפן אָפּגעקראָכענעם טינק אין שטוב האָבן אַלעמאָל אין אָט-דער-צייט געציטערט פירקאַנטיקע געוועבן זון, געפּאַלדעוועט זיך און געווירבלט, ווי זיי זאָלן אַפּשלאָגן דעם וועלן-לויף פון אַ נאָענטן טייך. אַרום ליידיקן האָק אויפן פאַרריסטן סופיט האָבן געזשומט פליגן, די שויבן האָבן זיך געצונדן פרימאָרגנדיק-קיל און גאָלדיק, און ס'האָט זיך אַלעמאָל אין זיי קרום אָפּגעשלאָגן אַ פויגל אין זיין פלי. אונטן אין הויף האָבן שוין אָרעמעלייט און קאַלעקעס געזונגען זייערע לידער, געשפּילט אויף פידעלעך און געבלאָזן אויף מעשענע טרומייטערס. ר' משה-בער פלעגט אַראָפּקריכן פון איינציק-געבליבענעם בעט אין איין העמד,

װאָרעמען בײם פענסטער דעם בױך און די פיס און אַראָפּקוקן אונטן באָרװעסע מײדן אין קורצע האַלקעס האָבן אױסגעקלאַפּט איבערדעקן אין רױטע אײנשיטן, פעדערן זענען געפלױגן פון אַלע זײטן, װי װײסע בליטן, און ס׳האָט געשמעקט מיט דעם הײמישן ריח פון פױל שטרױ און פעך. דער אַלטער האָט אױסגעבראָכן די אױסגעקרימטע פינגער, אױסגעשפּיצט די לאַנגע האָריקע אױערן, װי ער זאָל זיך אײנהערן אין װײטע שאָרכן, און געטראַכט צום װיפלטן מאָל, אַז אױב נישט הײנטיקן זומער קומען צו אַ תּכלית — איז שױן קײנמאָל נישט...

— דער אױבערשטער װעט העלפן! — האָט ער גערעדט צו זיך אַלײן. — אם ירצה השם, װעל איך עסן אין סוכּה אין יוזעפאָװ!...

אין אָנהױב האָבן לײט אים פאַרדרײט דעם קאָפּ מיט אַ פּאַס און אַ װיזע. ר׳ משה-בער האָט זיך געמוזט פאָטאָגראַפירן, אַרױסנעמען אַ געל ביכל און דערמיט איז ער װאָכן לאַנג אָפּגעשטאַנען צוזאַמען מיט גאַנצע מחנות אַרום הױז פון עסטרײכישן קאָנסול, ערגעץ אין אַ משופּעדיקער גאַס בײ דער װײסל. זעלבער מיט בערד און מיט לולקעס אין די מײלער, װי ײדן, האָבן כּסדר געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון זײערע ביקסן און געשאָלטן אױף דײטש. װײבער מיט קינדער אױף די הענט האָבן געװײנט און געחלשט. מ׳האָט גערעדט, אַז װיזעס קריגן נאָר אױסגעלאַסענע מײדן, אָדער מאַנסלײט, װאָס צאָלן מיט גאָלד. דער אַלטער פלעגט אַרױסגײן אַהין יעדן פאַרטאָג, איז געזעסן אױף דער ערד און געשאָקלט זיך איבערן „בני-יששכר״, געקװיקט זיך מיט געשאָבענעם בריקעװ און מיט פעלטשיקע ראש-חודש-רעטעכלעך. אָבער די ענגשאַפט איז געװאָרן אַלץ גרעסער, — האָט ר׳ משה-בער אײנמאָל אַ שפּײ געטון אױף אַלץ. ער האָט בײ אַ שאַכער פאַרקױפט זײן אַלטע װאַטענע קאַפּאָטע, געקױפט פאַר דעם געלד אַ זעקל און אַ ברױט, אַרײנגעלײגט דערין טלית און תּפילין און עטלעכע ספרים פאַר אַ סגולה, און אַװעקגעלאָזט זיך צופוס, מיט דער דעה צו גנבֿענען די גרעניץ...

ביז איװאַנגראַד האָט אָפּגעדױערט קנאַפּע פינף װאָכן. דער זקן איז בײטאָג, װען ס׳איז װאַרעם, געגאַנגען אַ באָרװעסער צװישן די פעלדער, האָט אָנגעהאָנגען די שטיװל אױפן אַקסל, װי ס׳טוען דאָרפסלײפער, געגעסן אומצײטיקע קערנער פון תּבֿואה און גענעכטיקט בײ פױערן אין די שײערס און בײ ישובֿניקעס. דײטשע זשאַנדאַרמען פלעגן אים פאַרהאַלטן, לאַנג בלעטערן אין זײן פּאַס, אים באַזוכן און באַטאַפּן צי ער פירט נישט מיט זיך קײן שמוגל—און אים לאָזן גײן װײטער. עטלעכע מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז די געדערים האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזט אינמיטן װעג. דער זקן האָט זיך דאַמאָלס אַװעקגעלײגט אױף דער ערד און האָט מיט די אײגענע הענט זײ צוריק אַרײנגעשטופּט. אין אַ שטעטל פאַר איװאַנגראָד האָט ר׳ משה-בער אױסגעפונען אַ טריסקער שטיבל און ער האָט דערצײלט פאַרן עולם —ס׳רובֿ יונגעלײט—װוּהין ער לאָזט זיך און אַז ער װיל אַריבער קײן קירה. ײדן האָבן צעטומלט געפינטלט מיט די װיעס, געשושקעט זיך און געטענהט מיט װאָרעניש:

— ס׳איז הײנט סכּנות-נפשות!.. פאַר דער מינדסטער זאַך גײט מען חלילה אױף דער תּליה!..

מ׳האָט מורא געהאַט מיט אים צו רעדן, געשראָקן זיך, ער זאָל נישט פאַרשיטן דאָס שטעטל, געגעבן אים עטלעכע מאַרק און װאָסגיכער אָפּגעפּטרט. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אפילו דאָ דערצײלט בסוד און מיט אַ צוגעדושעט קול, אַז מ׳האָט ערגעץ אױפן װעג געכאַפּט אַן אַלטן ײד און אים דערשאָסן... אָבער ר׳ משה מער האָט געלעבט און איז שױן געװען אױף יענער זײט. אַ פּױער האָט אים פאַר עטלעכע מאַרק געהאַט אַרײנגעלײגט אין אַ װאָגן שטרױ און אים אַריבערגעפירט. איצט איז דער אַלטער געגאַנגען גלײך קײן רײװיץ. אין רײװיץ איז ר׳ משה בער קראַנק געװאָרן אױף שלשול און א׳יז עטלעכע טעג אָפּגעלעגן אין הקדש. מ׳האָט שױן געמײנט, אַז דער פרעמדער זקן שטאַרבט; אָבער ביסלעכװײס איז ער געקומען צו זיך. קײן עסן האָט אין אָט-די מקומות שױן נישט געפעלט. ר׳ משה בער האָט דאָ געקריגן בײ בעל-הביתטעס ברױנע גריטשענע קאַשע מיט מילך, און שבת האָט ער אפילו געגעסן קאַלטן פּיטשײ און אױסגעטרונקען אױף לחיים אַ קלײן גלעזעלע י״ש. גלײך װי ר׳איז געקומען צו די כּוחות, האָט ער זיך געלאָזט װײטער. די װעגן זענען דאָ געװען הײמישע. די פּױערים זענען אין דעם קאַנט שױן געגאַנגען אָנגעטון אין װײסע לײנענע זשיפּעצעס און אין פּירעקיקע היטן מיט טראָלדן, װי מיט פופציק יאָר צוריק, האָבן געטראָגן בערד און גערעדט כאָכלאַקיש. אין זאַמאָשטש האָט מען דעם אַלטן אַרעסטירט און אַרײנגעזעצט אין אַ קאַמער צוזאַמען מיט נאָך צװײ שקצים. דעם טלית-זאַק האָט מען אים צוגענומען, קײן טרפֿות עסן האָט ער נישט געװאָלט און ער איז אָפּגעקומען מיט טרוקן ברױט און קאַלט װאַסער. אַלע עטלעכע טעג האָט מען אים גערופן צום קאָמענדאַנט און מ׳האָט אים דאָרטן מיט אַ גאָרגלדיק לשון געשריגן אין די אױערן

אַריין, ווי ער זאָל זיין אַ טויבער. דער אַלטער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געפּרוווט וואַרפן זיך צו די פיס. ס'האָט אַזוי אָפּגעדויערט ביז איבער ראש·השנה. ערשט שפּעטער זענען זאַמאָשטשער יידן געוואָר געוואָרן, אַז מ'האָט געהאַלטן יום·טוב אַ פרעמדן זקן אין תּפיסה. דער רב מיטן ראש·הקהל זענען אַוועק אין דער קאָמענדע און מ'האָט דעם ייד קוים אַרויסגעקריגן פאַר אויסלייזגעלט.

יידן האָבן אים דאָ אין זאַמאָשטש געוואָלט האַלטן איבער ימים נוראים, אָבער ר' משה בער האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט איבערגענעכטיקט די נאַכט, מיטגענומען אַ שטיקל ברויט און איז כּעלות אוועק צופיס קיין בילגאָריי. ער איז געקראָכן איבער אָפּגעשוירענע פעלדער, האָט אַליין אויסגעגראָבן ריבלעך, און אין געדיכטן סאָסנעוואַלד—געקוויקט זיך מיט ווייסלעכע יאַגדעס, גרויסע, זויערע, וואַסערדיקע, וואָס וואַקסן אין פייכטקייט און רופן זיך אין יענער געגנט וואָלאַכעס. אַ מייל וועג איז ער געפאָרן מיט אַ פור. עטלעכע וויאָרסט פאַר בילגאָריי האָבן פּאַסטוכער דעם אַלטן אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, אַראָפּגעצויגן פון אים די שטיוול און זענען אַנטלאָפן.

ר' משה בער איז איצט געגאַנגען באָרוועס און איז דערפאַר אָנגעקומען קיין בילגאָריי שפּעט ביינאַכט. אין בית·מדרש האָבן גענעכטיקט עטלעכע היימלאָזע יונגען, אָבער זיי האָבן דעם אַלטן נישט אַריינגעלאָזט און ער איז געבליבן זיצן אויף דער שוועל פון פאָליש און האָט פון מאַטקייט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין די קניען. ס'איז געווען האַרבסטיק קאַלט און אויסגעלייטערט. קעגן טונקל·געלבלעכן, מטושטשן ליכט פון אויסגעשטערנטן הימל האָט אַ טשאַטע ציגן מיט שווייגנדיקער התמדה געשיילט די קאָרע פון האָלץ, וואָס איז געלעגן אין שול·הויף גרייט אויף ווינטער. אַ סאָווע האָט געקלאָגט מיט אַ ווייבעריש קול, איז אַלעמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעהויבן פונסניי, ווי אויף אַ צרה, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן... פאַרטאָג זענען יידן אָנגעקומען צו סליחות, מיט הילצערנע לאַמטערנס אין די הענט. מ'האָט דעם אַלטן אַריינגענומען אין בית·מדרש, אַוועקגעלייגט צווישן אויוון און צוגעדעקט מיט פּסולע טליתים פון שולחן אַרויס. צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אים געבראַכט אַ פּאָר שווערע זעלנערישע שיך פון גראָבער לעדער און באַקלאַפּט מיט טשוועקעס. זיי האָבן דעם אַלטן שטאַרק געקוועטשט, אָבער מאָרגן איז ערב יום·כּיפור און ר' משה האָט דווקא געוואָלט זיין יום·הקדוש אין יוזעפאָוו.

ער איז אַרויס אויפן וועג פרי. אינגאַנצן איז געווען אַ מייל



פיר און ער האָט געוואָלט אָנקומען פאַרטאָג צו סליחות. אָבער באַלד ווי ר'איז אַרויס פון שטאָט, האָבן אים די דאַרע שקראַבעס אויף די פיס אָנגעהויבן אַזוי פייניקן, אַז ער האָט נישט געקאָנט טון קיין טריט. ער האָט געמוזט זיי אויסטון און ווייטער טשאַפּען באָרוועס. שפּעטער איז געוואָרן אַ שלאַקס·רעגן מיט דונערן און בליצן. דער ייד האָט געזונקען אין קאַלוזשעס וואַסער ביז צו די קניען, איז אַלעמאָל געפאַלן און זיך אויסגעשמירט מיט ליים און בלאָטע. די פיס זענען געוואָרן אָנגעשוואָלן און האָבן געבלוטיקט. די נאַכט האָט ער איבערגענעכטיקט אין אַ סטויג היי אויפן הוילן פעלד, פון קעלט — נישט צוגעטון קיין אויג. אין די דערפער אַרום האָבן געהוילט הינט און ס'האָט נישט אויפגעהערט גיסן. דער אַלטער איז זיכער געווען, אַז ס'איז געקומען זיין סוף, געבעטן גאָט מ'זאָל אים צוּוואַרטן מיטן טויט ביז נאָך נעילה, כּדי ער זאָל קאָנען אַרויפקומען אין הימל אָן זינד. שפּעטער, ווען אין מזרח האָבן זיך אָנגעהויבן רויטלען די זוימען פון וואָלקנס און דער נעפּל איז ווייס געוואָרן, ווי מילך, האָט דער זקן דערפילט אין זיך פרישע כּוחות, איז אויפגעשטאַנען און — אַוועק גלייך קיין יוזעפאָוו.

אין טריסקער שטיבל איז ער אָנגעקומען אַקוראַט דאַמאָלט, ווען דער גאַנצער עולם חסידים האָט צוזאַמען, ווי דער מנהג איז, געטרונקען בראָנפן און פאַרביסן מיט לעקעך. מ'האָט תּיכּף דעם אַלטן דערקענט. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, ווייל מ'האָט אים שוין לאַנג געהאַלטן פאַר אַ מת. מ'האָט אים גלייך געבראַכט הייסע טיי צום דערוואַרעמען זיך. ער האָט אינדערגיך אָפּגעדאַוונט, געגעסן אַ מוציא מיט האָניג, פיש פון לעבעדיקע קאַרפּן, קרעפּלעך און געמאַכט עטלעכע שנאַפּסן. דערנאָך האָט מען אים אַוועקגעפירט אין מרחץ אַריין. צוויי בעל·הבתּים האָבן אים אַרויפגעפירט אויף דער זיבעטער באַנק, אַליין געשמיסן אים מיט צוויי נייע בעזימלעך, און דער אַלטער האָט געגאָסן מיט טרערן...

יום·כּיפּור איז אים עטלעכע מאָל נישט·גוט געוואָרן, אָבער ער האָט אויסגעהאַלטן דעם תּענית ביזן סוף. באַלד צומאָרגנס האָבן טריסקער חסידים ר' משה בערן אויסגעקליידט און אים געהייסן זיצן און לערנען. פּרנסה איז געווען דאָ, אין דער העק, בשפע. אַלע האָבן געהאַנדלט מיט די אונגאַרישע און באָשנישע זעלנער, געבערענגט בגנבה טאַבאַק פון אַמאָליקן גאַליציע, אַהינגעפירט מעל, און אויסהאַלטן ר' משה בערן איז געווען אַ קלייניקייט. טריסקער חסידים האָבן געוווּסט ווער ר' משה בער איז: אַ חסיד, וואָס איז געפאָרן

נישט מער און נישט ווייניקער ווי נאָך צו ר' מאָטעלע טשערנאָבּלער!... ביים מגיד איז ער געווען אַ טיש-זיצער!...

שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן האָבן טריסקער חסידים, וואַלד-סוחרים, צולהכעיס זייערע דם-שונאים, די סאַנדזער, צונויפגענומען געהילץ, אויפגעשטעלט ר' משה בערן אַ שטיבל און אים חתונה געמאַכט מיט אַ בתולה, אַ דאָרפישער מויד פון אַ יאָר פערציק, אַ שטומע...

אַקוראַט צו די ניין חדשים איז ר' משה בערן געבוירן געוואָרן אַ קדיש... כלי-זמר האָבן געשפּילט אויפן ברית, ווי אויף אַ חתונה, נגידישע ווייבער האָבן אַליין געבאַקן לעקעך און געפּאָרעט זיך מיט דער קינפּעטאָרין. אין טריסקער שטיבל, וווּ מ'האָט געמאַכט די סעודה, האָט געשמעקט מיט צימרינג, נעגעלעך און מיט ווייבערשע שבת-קליידער. ר' משה בער איז געווען אָנגעטון אין אַ נייער אַטלעסענער קאַפּאָטע און אין אַ שטריימל. ער האָט געטאַנצט אויפן טיש און צום ערשטן מאָל גערעדט וועגן זיינע יאָרן.

—הלבן מאה יולד?—האָט ער איבערגעחזרט דעם פּסוק פון דער תורה.—צחוק עשה לי אלקים...

דעם יונגל האָט ער אַ נאָמען געגעבן יצחק...

# פליגלמאַן אויף לינקס*)

האַרשע, 17-טער אָקטאָבער, 1932.

ליבער פריינט ש. ניגער.

ווען מען רעדט וועגן לינק און רעכט מוז מען קודם-כל בּיידע ווערטער אַרומשעפּען מיט גראָבּע געזונטפּיסלעך און דערנאָך דאַרף מען זיך דערמאָנען, אַז סיי אמתער לינקיזם, סיי אמתער רעכטיזם, זענען גוואַלדיקע יקר-המציאותן. די אמתן — ווי קעגנעריש עס זאָלן נישט זיין די מאַסקעס, וואָס זיי טוען אָן — טרעפן זיך. אפנים, אַז טאַקע דערפאַר באַגעגענען זיך בכלל די עקסטרעמען. אויף וויפל די עקסטרעמען האָבן וואָרצלען אינם אמת — אין דער איינהייט פון דער וועלט—

*) זע: ש. ניגער — פרעגן (אַ בריף וועגן „גלאָבּוס" און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור), „גלאָבּוס" נומ. 3



אויף אַזויפיל זענען זיי איבּערהויפּט נישט מער ווי פאַרשטעלענישן, אַזוי, אַז דער קאַמף צווישן זיי איז אָפט נישט מער ווי דאָס געראַנגל פון די ליבּנדיקע.

דער בּידנער וואַסערטרעגער, דער פרומער עם-הארץ, וואָס האָט געכאַפּט אין בּית-מדרש אַ וואָרט „טמא" און האָט מיט אָט דעם איינציקן וואָרט מתפּלל געווען צו גאָט, האָט געמוזט בּלייבּן בּיי זיין „טמא", ווייל וויפל דער קאָצקער רבי האָט אים נישט געלערנט צו זאָגן „טהור" — האָט זיך עס אַלץ אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

— פאַרפאַלן, — האָט דער רבי לסוף נאָכגעלאָזט,—שריי „טמא", אַבּי מיט אַן אמת!

מוז איך אייך זאָגן, אַז קעמפן מיט די ווינציקע, וואָס שרייען „טמא" אויף אַן אמת, איז אפשר אַן אַרויסגעוואָרפענע טרחא. די „אמתע מטבע פון דער לינקער זייט" — אויבּ און אויף וויפל זי איז אַן אמתע — האָט, אָדער דאַרף האָבּן, אַ ווערט אויך פאַר דעם, וואָס איז גורס נישט די לינקע זייט, נאָר די רעכטע. וואָרענען דאַרף מען טאַקע נאָר פאַר דער אָפּגעריבּענער מטבע פון די פעלשער, פאַר די „פּראָלעטאַרישע" ליגנערס, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט צו שרייען „טמא" און זענען מטמא די לויטערע כונה פון דעם געשריי. און אַזעלכע געפינט מען דאָך די-והותר נישט נאָר צווישן די „שיער נישט לינקע" פון דער פּסיידאָ-ליטעראַרישער און פּסיידאָ-פּראָלעטאַרישער „וואָכנשריפט", נאָר אויך דאָרט, בּיי די, וואָס פּרעטענדירן אויף אַ צייגעניש פון אמתן לינקיזם. אויך זיי — אויף אונזער גאַס און אין אונזער ליטעראַטור — זענען נישט זעלטן פונקט אַזוי ווייט פון אמת, איך מיין: פון זייער אמת, ווי נאָענט זיי זענען צו דעם, וואָס איך האָבּ אָנגערופן לינקיסטישע מליצה. אויך זיי — נאָכאַמאָל: אויף אונזער גאַס אַלנפאַלס און אין אונזער ליטעראַטור — קומען מיר פאָר (הלמאי זאָל איך לייקענען?) שטאַרק פאַרדעכטיק בּנוגע דער לעצטער אויפריכטיקייט פון זייערע כוונות. נישט בּלויז דערפאַר, וואַס אויך זיי (סיי בּיי אונז, סיי בּיי אייך אין אַמעריקע) האַלטן אין איין פּראָדוצירן גאַנצע און האַלבּע גראפאָמאַניע, נאָר בּעיקר דערפאַר, ווייל די קינדער פון דעם שטאַם, וואָס גלויבּן איז פון אייבּיק אָן דער הויפּט-צייכן פון זיין גאַנג דורך דער געשיכטע, געהערן איצט צו די אומגלויבּיקסטע צווישן מענטשן. אַזוי, אַז עס גלויבּט זיך מיר נישט אין דער גלויבּ-פעאיקייט פון אַ יידנקינד היינטיקע צייטן און איך בּין גרייט אָנצונעמען, אַז דער „טמא" איז קיין „טמא" נישט בּיי אונז, פונקט ווי דער „טהור" איז נישט קיין „טהור". ס'האָט זיך אָפּגעטון, ליבּער פריינט, דער אמת פון אונזער שוועל. זינט יידן האָבן פאַרלוירן זייער אמת—זייער גאָט, — האָבן זיי פאַרלוירן די פּסיכישע פעאיקייט צו גלויבּן אין וואָס עס זאָל נישט זיין. און סיי ביים „אגודה"-ייד, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם גאָט פון נביאים און מקובלים אין אַ גערער גימל-טית, סיי בּיי אונזער אַן אולטראַלינקן, וואָס האָט אַ מאַקסימום היסטעריע אויף אַ מינימום אמת-פּאַטאָטיזם, אַ ים פּאַטאָלאָגישן זידל-חשק אויף אַ טראָפּן צער איבּער מענטשלעכן עלנד, — בּיי בּיידן געפין איך נישט